**ווייזט און א ניי צוגעלייגטע אדער געטוישטע פראגע**

# ERAP אפט געפרעגטע פראגעס

- **בענעפיטן אוועילעבל און ווער איז בארעכטיגט**
- **אפליקאציע פראצעסירונג**
- **הילף פאר טענאנטס נישט בארעכטיגט פאר ERAP.**
- **לענדלארד/ פראפערטי אייגנטומער אין באטראכט נעמונג**
- **טענאנט באשיצונג**
- **אנדערע**
- **סיסטעם צוטריט**

## בענעפיטן אוועילעבל און ווער איז בארעכטיגט

### 1. וואס איז די עמערדזשענסי רענטהילף פראגראם און וועלכע הילף שטעלט עס צו?

די עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם (ERAP) איז אן עקאנאמישע פארלייכטערונג פראגראם אנטוויקלט צו העלפן בארעכטיגטע הויזגעזינדער וואס וואוינען זייער הויפט רעזידענץ אין ניו יארק סטעיט פארלאנגען הילף פאר רענט און יוטיליטי חובות אנגעזאמלט אין די קאוויד-19 קריזיס. די פראגראם וועט צושטעלן באדייטנדע עקאנאמישע פארלייכטערונגצו נידעריג- און מיטעלע-פארדינסט טענאנטס און וועט העלפן לענדלארדס באקומען רענט דיו. באשטעטיגטע אפליקאנטן קענען באקומען:

- ביז 12 מאנאטן פון **רענטחובות צאלונגען** פאר רענט אנגעזאמלט אויף אדער נאך מערץ 13, 2020**.**
- ביז 3 מאנאטן פון **נאך רעטאל הילף** פאר צוקונפדיגע רענט אויב די הויזגעזינד שפענדעט 30 פערצענט אדער מער פון איר גראס מאנאטליכע פארדינסט צו צאלן רענט און אויב די הויזגעזינד גיבט זיך אויך איין פאר רענטחובות צאלונגען**.**
- ביז 12 מאנאטן פון **עלעקטריק אדער גאז חובות צאלונגען** פאר חובות אנגעזאמלט אויף אדער נאך מערץ 13, 2020. אויב די הויזגעזינד גיבט זיך אויך איין פאר רענטחובות צאלונגען**.**

צאלונגען וועלן געמאכט ווערן דירקעט צום לענדלארד/ פראפערטי אייגנטומער און יוטיליטי פירמע אין נאמען פון די טענאנט. טענאנטס, לענדלארדס/פראפערטי מענעדשזערס און יוטיליטי פירמעס וועלן ווערן געמאלדן פון די סכומים געצאלט אין זייער נאמען. אויב א לענדלארד איז שווער צו געפונען אדער טוט נישט אנדערש צושטעלן אינפארמאציע נויטיג צו ענדיגן די אפליקאציע נאך די ערשטע פארבינדונג באמיאונגען, וועלן געלטער געהאלטן ווערן פאר 180 טעג צו ערלויבן גענוג צייט צו געפונען די לענדלארד און צאמנעמען די פארלאנגטע אינפארמאציע, ווי אויך צו צושטעלן טענאנט באשיצונג און מאכן גרעסער די לענדלארד אנטיילנעמונג.

### 2. בין איך בארעכטיגט פאר די ניו יארק סטעיט עמערדזשענסי רענטל הילף פראגראם (ERAP)?

טענאנטס אין ניו יארק סטעיט קענען זיין בארעכטיגט פאר ERAP אויב אלע פאלגענדע זענען אנווענדליך:

- פאר דער פעדעראל-פינאנצירטער ERAP פראגראם, הויזגעזינד בעפאר-טעקס ("גראוס") פארדינסט זענען ביז 80 פראצענט פון די דורכשניטליכע פארדינסטן אין דעם געגנט (AMI). דער פארדינסט מאקסימום ווענדט זיך אין די קאונטי און די צאל מענטשן אין דעם הויזגעזינד. א הויזגעזינד קען זיין צוגעפאסט לויט די איצטיגע פארדינסטן אדער לויט די פארדינסטן פון דעם יאר 2020, וואס איז 80 פראצענט אדער ווייניגער פון AMI.

- אנגעהויבן סעפטעמבער 15, 2021, איז דער הויזגעזינד׳ס בעפאר-שטייער פארדינסט 80 פראצענט פון די דורכשניטליכע פארדינסטן אין דעם געגנט (AMI). דער פארדינסט מאקסימום ווענדט זיך אין די קאָונטי און די צאל מענטשן אין דעם הויזגעזינד. א הויזגעזינד קען זיין צוגעפאסט לויט די יעצטיגע פארדינסטן אדער לויט די פארדינסטן פון דעם יאר 2020, וואס איז 120 פראצענט אדער ווייניגער פון דער AMI. הויזגעזינדער מיט פארדינסטן איבער 80% AMI זענען בארעכטיגט פאר א סטעיט-פינאנצירטע ERAP באצאלונג ווילאנג עס איז נאך דא געלטער צו באקומען.

- זינט מערץ 13, 2020, האט א מיטגליד פון די פאמיליע באקומען ארבעטסלאזיקייט בענעפיטן **אדער** מיטגעמאכט א פארמינערונג פון הויזגעזינד פארדינסט, מיטגעמאכט באדייטנדע קאסטן אדער אנדערע פינאנציעלע שוועריקייטן, דירעקט אדער אומדירעקט, צוליב די קאוויד-19 פאנדעמיע.

- די אפליקאנט איז פארפליכטעט צו צאלן רענט און האט רענט חובות (פארשפעטיגטע רענט) ביי זייער יעצטיגע וואוינונג פאר רענט שולדיג געווארן זינט מערץ 13, 2020.

- די הויזגעזינד איז אין געפאר פון דורכמאכן היימלאזיקייט אדער וואוינונג אומסטאביליטעט, וועלכע קען ווערן דעמאנסטרירט דורך האבן רענט חובות שולדיג פון מערץ 13, 2020 און ווייטער.

עס איז נישט דא קיין אימיגראציע סטאטוס פארלאנגען צו קוואליפיצירן פאר די פראגראם.

**וויכטיגע באמערקונג איבער פריאריטעט אפלאקאציע פראצעסירונג**

פאר דער פעדעראל-פינאנצירטע ERAP פראגראם, פאר אפליקאציעס אנגעקומען אין די ערשטע 30 טעג פון דער פראגראם, פון 6/1/21 ביז 6/30/21, וועט פריאריטעט געגעבן ווערן פאר הויזגעזינדער אין די פאלגענדע סדר:

1. הויזגעזינדער מיט פארדינסט ביז 50 פראצענט פון די דורכשניטליכע פארדינסטן אין דעם געגנט (AMI) און וואו עס איז דא א הויזגעזינד מיטגליד וואס:
   - איז יעצט ארבעטסלאז פאר אמווייניגסטנס 90 טעג; אדער
   - איז א וועטעראן; אדער
   - מאכט מיט שטוב-געוואלד ("דאמעסטיק ווייאלענס") אדער מענטשן האנדל; אדער
   - האט אן ארויסזעץ ("עוויקשען") פראצעס בנוגע זייער יעצטיגע וואוינארט אפהענגיג אין געריכט; אדער
   - וואוינט אין א מאביל הויז; אדער
   - וואוינט אין א קאמיוניטי וואס איז געטראפן געווארן אומפראפארציאנעל דורך קאוויד-19; אדער
   - וואוינט אין א געביידע פון 20 אדער ווייניגער דירות.
2. הויזגעזינד מיט די פארדינסט פון אדער אונטער 50 פראצענט AMI.
3. הויזגעזינד מיט פארדינסט פון אדער אונטער 80 פראצענט AMI. וועלכע נעמט אויך אריין א הויזגעזינד מיטגליד וואס:
   - איז יעצט ארבעטסלאז פאר אמווייניגסטנס 90 טעג; אדער
   - איז א וועטעראן; אדער
   - גייט אריבער דאמעסטישע געוואלדטאטן אדער מענטשן האנדל; אדער
   - האט אן ארויסווארפענע קעיס פארבינדן צו זייער יעצטיגע וואוינארט אפהענגיג אין געריכט; אדער

- וואוינט אין א מאביל הויז; אדער
- וואוינט אין א קהילה וואס איז געטראפן געווארן אומפראפארציאנעל דורך קאוויד-19; אדער
- וואוינט אין א געביידע פון 20 אדער וויינעגער דירות.

4. הויזגעזינדער מיט פארדינסט פון אדער אונטער 80 פראצענט AMI.

נאך 6/30/21 (די ערשטע 30 טעג), ווערן אפליקאציעס פאר אלע בארעכטיגטע הויזגעזינדער פראצעסירט לויט'ן סדר ווי זיי ווערן אריינגעגעבן, ווילאנג די געלט איז נאכנישט אויסגעגאנגען.

אנגעהויבן סעפטעמבער 15, 2021, קענען הויזגעזינדער מיט פארדינסטן ביז 120% פון דער AMI זיך ווענדן פאר דעם פראגראם ווילאנג די געלטער זענען נאכנישט אויסגעגאנגען.

- אפליקאציעס פאר הויזגעזינדער מיט פארדינסטן ביז 100% פון דער AMI וועלן פראצעסירט ווערן לויט די סדר ווי זיי קומען אריין, ביז אקטאבער 29, 2021. אפליקאציעס פאר הויזגעזינדער מיט פארדינסטן ביז 120% פון דער AMI וועלן פראצעסירט ווערן לויט די סדר ווי זיי קומען אריין, ביז אקטאבער 30, 2021.

**3. איך בין א לענדלארד און מיין טענאנט האט פארלאזט דער געדינגענע פראפערטי אדער איז נישט מסכים זיך צו ווענדן פאר ERAP. צי בין איך בארעכטיגט פאר הילף?**

יא. א סטעיט געזעץ איז לעצטנס דורכגעפירט געווארן וואס שאפט נאך א נייע פראגראם צושטעלן רענט הילף פאר לענדלארדס וועמענס טענאנטס האבן פארלאזט זייער רענט פראפערטי אדער וואס ווילן זיך נישט ווענדן פאר ERAP. מער איינצלהייטן וועגן דער דאזיגער פראגראם, אריינגערעכנט דער דאטום עס וועט זיך אנהייבן און פארלאנגטע באווייז דאקומענטן וועלן ארויפגעשטעלט ווערן אויף דער OTDA וועבזייטל בקרוב.

**4. וואס זענען ביישפילן פון פינאנציעלע שוועריקייטן דורכגעמאכט צוליב די קאוויד-19 פאנדעמיע?**

דירעקטע אדער נישט דירעקטע פינאנציעלע שוועריקייטן מיטגעמאכט אלס רעזולטאט פון קאוויד-19 קען אריינעמען (אבער איז נישט באגרעניצט צו):

- **רעדוקציע אין הויזגעזינד פארדינסט, אזוי ווי:**
  - רעדוצירטע ווערידזשעס/פארדינסטן
  - רעדוצירטע שטונדן
  - עמפלוימענט אפשטעל
  - אורלויב
  - קראנקהייט און אומפעאיגקייט צו ארבעטן
  - ביזנעס פארמאכט
  - באקומט אנעמפלוימענט
- **העכערע הויזגעזינד אויסגאבן, אזוי ווי:**
  - נייע אדער העכערע העלטקעיר קאסטן
  - רעמאוט ארבעט אויסגאבן צוליב קאוויד-19
  - עסן, מעדעצין, טשיילדקעיר, טראנספארטאציע אויסגאבן צוליב קאוויד-19
  - געלט-שטראפן, קאסטן און אדער לעגאלע קאסטן פארבינדן מיט רענטאדער יוטיליטי חובות

- אין-היים קעיר פאר איינעם מיט קאוויד-19
- רעמאוט לערנען אויסגאבן צוליב קאוויד-19
- הוצאות פון פערזענליכע באשיצונג מיטלען (PPE)
- צאלונגען געמאכט דורך קרעדיט קארד אדער הלוואות צו פארמיידן הײמלאזיגקייט
- אלטערנאטיווע טראנספארטאציע אראנדזשירונגען צוליב איינגעפירטע טראנספארטאציע באגרעניצונגען
- לוי' אויסגאבן

**5. דארף איך האבן א געזעצליכע אימיגראציע סטאטוס צו זיין בארעכטיגט צו באקומען רענטהילף?**

ניין. מענטשן דארפן נישט האבן א געזעצליכע אימיגראציע סטאטוס צו זיין בארעכטיגט פאר די פראגראם.

**6. וויאזוי וועלן בארעכטיגטע ERAP הויזגעזינד באקומען יוטיליטי חובות רעליעף?**

פאר הויזגעזינד באשטימט בארעכטיגט פאר ERAP וועלכע האבן אויך גאז און/אדער עלעקטריק יוטיליטי חובות, זענען דא אפאר אופנים וויאזוי א הויזגעזינד קען באקומען הילף אין צאלן די יוטיליטי חובות.

- ערשטנס, א יוטיליטי חוב צאלונג געמאכט דירעקט צו די יוטיליטי פירמע געצאלט דורך היים ענעגיע הילפס פראגראם (HEAP), פאר די בארעכטיגט פאר HEAP (זעט HEAP בארעכטיגונג אינפארמאציע);
- אויב א הויזגעזינד איז נישט בארעכטיגט פאר HEAP, בארעכטיגונג פאר איינע פון די פאלגענדע צוויי אויסוואלן וועלן ווערן אפגעשאצט באזירט אויף די סארט יוטיליטי פירמע וואס די הויזגעזינד ניצט:
  - פארגעבונג פון יוטיליטי חובות דורך די יוטיליטי פירמע; אדער
  - א יוטיליטי חוב צאלונג געמאכט דירעקט צו די יוטיליטי פירמע געצאלט דורך ERAP

**7. קען איך זיך איינגעבן נאר פאר יוטיליטי חובות הילף?**

ניין. א מענטש מוז זיך איינגעבן און ווערן באשטימט אלס בארעכטיגט פאר ERAP רענטחובות הילף כדי צו קענען באקומען יוטיליטי חובות הילף דורך ERAP. ניו יארק סטעיט איינוואינער אינדערויסן פון ניו יארק סיטי וועלכע דארפן נישט הילף צו צאלן רענטחובות און דארפן נאר הילף צו צאלן פאר יוטיליטי קאסטן זאלן זיך איינגעבן פאר די היים ענעגיע הילפס פראגראם (HEAP) אויף www.myBenefits.ny.gov. מענטשן וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי קענען דאונלאודען אן אפליקאציע פון די NYC יומן רעסורסעס אדמיניסטראציע HEAP וועב-בלאט.

**8. זענען וואסער בילס אדער איטערנעט בילס בארעכטיגט אלס חלק פון ERAP?**

ניין, נאר גאז און/אדער אנדערע עלעקטריק יוטיליטי חובות מעגן ווערן באצאלט פאר פאמיליעס באשטימט בארעכטיגט פאר רענטחובות הילף אונטער ERAP.

**9. וואס געשעהט צו יוטיליטי קאסטן וואס זענען אריינגערעכנט אין די רענט?**

אויב יוטיליטי הוצאות זענען א טייל פון א פאמיליע'ס מאנאטליכע רענטקאסטן און א פאמיליע טוט נישט באקומען א צוטיילטע גאז אדער עלעקטריק יוטיליטי ביל, וועט די יוטיליטי הוצאה ווערן אריינגערעכנט אלס א טייל פון די רענטחובות אדער קומעדיגע רענט באצאלונגען.

**10. אויב מיין גאז און/אדער עלעקטריק יוטיליטי איז סאב-מיטער׳ט און זענען גערעכנט אויף מיין רענטסטעיטמענט פון מיין לאנדלאורד, בילדינג מענעדזשמענט פירמע אדער פון א דריטע פארטיי קאנטראקט רעכענונג פירמע, וויאזוי טוה איך רעכענען נישט באצאלטע יוטיליטי קאסטן אויף מיין ERAP אפליקאציע? ****

סאב-מיטער׳ט גאז און/אדער עלעקטריסיטי נישט באצאלטע קאסטן זאל זיין גערעכנט אלס רענט חובות און וועט ווערן באצאלט דירעקט צו אייער לאנדלאורד, בילדינג מענעדזשמענט פירמע אדער פון א דריטע פארטיי קאנטראקט רעכענונג פירמע.

**11. זענען עלעקטריק יוטיליטי חובות פאר טענאנטס וואס וואוינען אין סאב-מעטער׳ט אפארטמענטס בארעכטיגט פאר ERAP?**

יא, מיט אנגענומענע דאקומענטאציע.

**12. פאר וועלכע צייט אפשניט איז מיין פאמיליע פארדינסט גערעכנט צו באשטימען אויב איך בין בארעכטיגט פאר ERAP הילף?****

טענאנטס אפליקאנטן מעגן אויסוועלן צו אריינגעבן דאקומענטאציע וואס ווייזן יעצטיגע מאנאטליכע פארדינסט אדער קאלאנדער יאר 2020 פארדינסט.

- **יעצטיגע מאנאטליכע פארדינסט** דורך צושטעלן דאקומענטאציע פון פריערדיגע מאנאט פארדינסט דורך דאקומענטן אזויווי פעי סטאבס, באנק אקאוינט דיפאזיט באשטעטיגונג, ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן בריוו, סאשעל סעקיוריטי טיילונג בריוו, עפעס אנדערש.

**אדער**

- **יערליכע 2020 פארדינסט** דורך דאקומענטאציע פון 2020 פארדינסטן דורך דאקומענטן אזויווי א קאפיע פון א גענדיגטע פארדינסט שטייער צוריק באקום אזוי ווי 1040, 10991040 EZ שטייער בויגן, אדער אנדערע באווייז פון 2020 יערליכע פארדינסט.

זעלבסט-באווייז פון פארדינסט, דורך א שריפטליכע און אונטערגעשריבענע סטעיטמענט, איז ערלויבט אין געוויסע אומשטענדן ווי דאקומענטאציע איז נישט אוועילאבל, אזויווי געוויסע סארטן פון זעלבסט-ארבעט.

**13. וועלכע פארדינסט איז אריינגערעכנט ווען מען טוט באשטימען מיין פאמיליע פארדינסט פאר ERAP?**

פארדינסט פון אלע דערוואקסענע אין די פאמיליע 18 יאר אלט אדער עלטער איז גערעכנט אויסער פארדינסט פון פול-צייטיגע סטודענטן וואס זענען בארעכטיגט צו זיין אויסגערעכנט אלס אנגעוויזענע לויט די IRS רעגיולאציעס.

בעפאר-טעקס פארדינסט איז גערעכנט, מער פון נעם-אהיים געלטער. גראס פארדינסט רעכנט אריין פאר אלע אראפרעכענונגען ווערן געמאכט, אויך שטייער.

גערעכנטע פארדינסט רעכנט אריין וועדזשעס, פארדינסט, טיפס, בענעפיטן פון אנעמפלוימענט אינשורענס, סאשעל סעקיוריטי בענעפיטן, retirement בענעפיטן, קינדער געלט, מתנות וואס מען באקומט כסדר און אנדערע פארדינסטן.

די פאלגנדע זענען **נישט** גערעכנט אלס פארדינסטן: פאסטער קעיר באצאלונגען, פאבליק הילף, סופלעמענטאל ערנערונג הילף בענעפיטן (SNAP), ענערגיע הילף פראגראם (HEAP) בענעפיטן, טיילמאליגע מתנות, גראסעריי צוגעשטעלט דורך מענטשן וואס וואוינען נישט אין די הויז, פארדינסט שטייער קרעדיטס אין פעדעראלע סטימיוליס באצאלונגען.

פארדינסט מוז זיין דאקומענטעד דורך פעי סטאבס, בעל הבית בריוו, אדער אנדערע דאקומענטאציע.

**14. אויב איך האב נישט קיין פארדינסט אין די צייט וואס איך טוה זיך איינגעבן פאר ERAP, בין איך בארעכטיגט פאר די פראגראם?**

יא, איר קענט זיין בארעכטיגט ווי לאנג איר טוט אויך באגעגענען אנדערע פראגראם בארעכטיגטע פארלאנגונגען.

**15. וויאזוי טוה איך דאקומענטן נישט האבנדיג קיין פארדינסט?**

זעלבסט-באווייז איז אנגענומען אין צושטאנדן ווי עס איז נישט דא אנדערע פארעמס פון דאקומענטאציע.

**16. דארף איך צוריקצאלן הילף צוגעשטעלט דורך ERAP?**

ניין, בארעכטיגיע פאמיליעס זענען נישט פארלאנגט צו צוריקצאלן רענטבאצאלונגען, רענטחובות אדער יוטיליטי חובות הילף צוגעשטעלט דורך ERAP. די איינציגסטע מאל וואס וואלט פארלאנגט צוריקבאצאלונג איז אויב עס איז געווען א באשלוס אז די אריינגעגעבענע אפליקאציע איז שווינדלעריי און די אפליקאציע האט נישט געמעגט אנגענומען ווערן.

**17. קען איך זיך איינגעבן פאר אנדערע רענטהילף אין די צייט וואס איך באקום הילף מיט ERAP?**

יא, איר קענט זיך איינגעבן פאר אנדערע רענטהילף, אבער אויב איר באקומט הילף דורך ERAP, מוזט איר מעלדן אינפארמאציע וועגן אנדערע הילף וואס איר האט זיך איינגעגעבן פאר, אדער באקומען, צו ERAP אז איר זאלט נישט באקומען זעלבע באצאלונגען. פאמיליעס וואס באקומען א באצאלונג פון אנדערע רענטהילף פראגאמען וועלן נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען ERAP הילף צו באצאלן פאר די זעלבע רענטחובות שולדיג.

**18. וויאזוי איז ERAP אנדערש פון די קאוויד רענט פארלייכטערונגפראגראם ארויסגעגעבן דורך די ניו יארק סטעיט דיווישאנס פון היים און קאמיוניטי באנייונג (NYS HCR)?**

די קאוויד רענט פארלייכטערונגפראגראם האט צוגעשטעלט אן איינמאליגע רענט געלט אויסטיילונג צו פארמינערן א פאמיליע'ס רענט יאך פאר ביז 4 מאנאטן אין 2020. די פראגאם האט נישט דווקא געצאלט פאר אלע רענט חובות שולדיג אבער האט צוגעשטעלט רענט פארלייכטערונגצו טענאנטס און לאנדלאורדס.

די ERAP וועט, פאר מערסטע בארעכטיגטע פאמיליעס, דעקן די פולע סומע פון רענט שולדיג פאר ביז 12 מאנאטן פון מערץ 13, 2020. פאמיליעס וואס האבן אנטיילגענומען אין די קאוויד רענט פארלייכטערונגפראגראם קען זיין בארעכטיגט פאר נאך הילף דורך ERAP.

**19. אויב האב איך באקומען הילף דורך די פריערדיגע רענט פארלייכטערונגפראגארם, אבער דארף נאך הילף, בין איך בארעכטיגט פאר הילף דורך ERAP?**

יא. פאמיליעס וואס האבן אנטייל גענומען אין די קאוויד רענט פארלייכטערונגפראגראם אבער האבן נאך פארגאנגענע נישט באצאלטע רענט קען זיין בארעכטיגט פאר נאך הילף דורך ERAP און זענען געמוטיגט זיך איינשרייבן.

**20. בין איך בארעכטיגט צו באקומען ERAP רענט הילף אויב איך האב איצט א "סעקשען 8 האוזינג טשאויס וואוטשער" אדער איך וואוין אין פובליק האוזינג?**

א יעדע הויזגעזינד וועמענס רענט איז איינגעצוימט אין די פראצענטן פון הויזגעזינד פארדינסטן קען זיך ווענדן פאר הילף, **אבער זייער אפליקאציע וועט נישט ווערן אפגעשאצט פאר בארעכטיגקייט ביז אלע אנדערע אפליקאציעס זענען שוין גענומען געווארן אין באטראכט.** די אפעקטירטע סארטן האוזינג רעכענען אריין טענאנטס וואס באקומען א "סעקשען 8 האוזינג טשאויס וואוטשער", א פראדזשעקט-באזירטע "סעקשען 8 וואוטשער" אדער די וואס וואוינען אין פובליק האוזינג אדער אנדערע האוזינג אומשטענדן וואו רענט קען נישט זיין העכער 30 פראצענט פון זייערע פארדינסטן.

אויב אזא טענאנט האט פארלוירן פארדינסטן, זאל דער הויזגעזינד בעטן א צופאסונג אין די פארלאנגטע רענט באצאלונג. הויזגעזינדער קענען קאנטאקטן זייער פובליק האוזינג אגענטור צו פארלאנג א פראוויזארישע ווידער-באשטעטיגונג ("ריסערטיפיקעישען").

**21. וועלכע סארטן רענט פראפערטיס זענען בארעכטיגט פאר הילף?**

די פארלגנדע סארטן פון באוואוינטע רענט פראפערטיס זענען בארעכטיגט פאר ERAP הילף:

- אפארטמענט;

- דופלעקס;
- איין פאמעליע אפגעטיילטע/הויז;
- האלב אפגעטיילט / רייע הויז;
- איין צומער באזעצונג; אדער
- מאניופאקטשורד היים אדער מאניופאקטשורד היים לאט רענטאל.

**22. וועט ERAP מיר העלפן צאלן פארשפעטיגטע מארגעדזש באצאלונגען?**

ניין. ERAP איז נאר אוועילאבל צו באצאלן רענטחובות.

**23. זענען קאלעדזש סטודענטן בארעכטיגט פאר רענטהילף דורך ERAP?**

אן אידיווידיול, פולע-צייט קאלעדזש סטודענט איז בארעכטיגט פאר די פראגראם **נאר אויב** די אינדיווידיול אין די פאמיליע איז נישט באשטעטיגט אלס אנגעהאנגן צו זייער עלטערן אדער לעגאלע גארדיענס אין איינקלאנג צו די IRS געזעצן.

א קאלעדזש סטודענט קען זיין גערעכנט אלס א טייל פון זייער עלטערן אדער לעגאלע גארדיען'ס פאמיליע אויב זיי זענען אוועק ביים שולע.

**24. קען מיין לענדלארד זיך ווענדן פאר ERAP אויף מיין חשבון?**

אייער לענדלארד קען אנהייבן די ERAP אפליקאציע, אבערביידע, סיי דער לענדלארד און סיי דער טענאנט, מוזן אויספילן געוויסע טיילן פון דער אפליקאציע. אויב אייער לענדלארד הייבט אן דער אפליקאציע וועט איר באקומען אן אימעיל, טעלעפאן קאָל, אדער טעקסט צו אויספילן די טייל פארלאנגט דורכ׳ן טענאנט.

אייער לענדלארד מעג אייך העלפן אויספילן טיילן פון דער אפליקאציע, ווי למשל די סומע הינטערשטעליגע רענט איר זענט שולדיג.

טענאנטס מוזן צושטעלן געוויסע טענאנט-ספעציפישע אינפארמאציע, אזוויי פארדינסט אינפארמאציע, און מוז אונטערשרייבן די אפליקאציע צו באשטימען צושטימונג מיט געוויסע אינפארמאציע ארייננגערעכנט אין די אפליקאציע.

**25. וועלכע דאקומענטן וועל איך דארפן ארייננגעבן צו באווייזן אז איך בין בארעכטיגט פאר ERAP?****

- **פערזענליכע אידענטיפיקאציע** פאר א הויפט אפליקאנט (אינדיווידיול וואס שרייבט אונטער די אפליקאציע). אנגענומענע בויגנס פון אידענטיפיקאציע רעכענען אריין, אבער זענען נישט באגרעניצט צו: א בילד ID, דרייווער לייסענס, קאנסולאר ID, פאספארט, EBT/בענעפיטן אישוענס קארטל, געבורטס אדער באפטיסמאל סערטיפיקעט, שולע רעגיסטראציע, אדער אנדערע רעגירונג-ארויסגעגעבען ID.
- **באווייז אויף רענטסומע** - אונטערגעשריבענע ליעס, אפילו אויב שוין אויסגעגאנגן. אויב א ליעס איז נישט אוועילאבל וועט אנגענומענע דאקומענטאציע ארייננגערעכנט רענט ריסיטס, גע'קענסעל'טע טשעק אדער געלט ארדער. אויב דאקומענטאציע איז נישט אוועילאבל, וועט באווייז פון לאנדלאורד אנגענומען ווערן.
- **באווייז פון וואוינארט און באזעצונג** - אונטערגעשריבינע ליעס, רענט ריסעפט, יוטיליטי ביל, שולע רעקארדס, באנק סטעיטמענטס, פאסט מעיל מיט די נאמען פון אפליקאנט, אינשורענס ביל, דרייווער לייסענס. באווייז מוז זיין יעצטיג.
- **באווייז פון פארדינסט צו דאקומענטן פארדינסט בארעכטיגטקייט:**

- **דאקומענטן וואס ווייזן יעצטיגע מאנאטליכע פארדינסט** פאר די פריערדיגע מאנאט, אזוויי פעי סטאבס, באנק אקאונט דיפאסיט באשטעטיגונג, ארבעטסלאזעקייט בענעפיטן בריוו, אדער אנדערע באווייז;

**אדער**

- **דאקומענטן וואס ווייזן יערליכע פארדינסט פון 2020**, אזוויי א קאפיע פון גענדיגטע פארדינסט שטייער צורוקקער, אזוויי א 1040, 10991040, EZ שטייער בויגן, א יערליכע סטעיטמענט פון פארדינסטן, אדער אנדערע באווייז פון 2020 יערליכע פארדינסט.
- זעלבסט-באווייז פון פארדינסט דורך א שריפטליכע און אונטערגעשריבענע סטעיטמענט פון פארדינסט איז ערלויבט אין געוויסע צייטן ווי דאקומענטאציע איז נישט אוועילאבל, אזוויי געוויסע סארטן פון זעלבסט-ארבעטן.

- **א קאפיע פון גאז אדער עלעקטריק יוטיליטי ביל אדער אנדערע באווייז פון קונדן חוב צו א יוטיליטי צושטעלער**, אויב איר געבט אויך אריין פאר הילף צו צאלן פאר יוטיליטי חובות ביי די זעלבע רענטפלאץ.

אפליקאנטס וועלן געבעטן ווערן צו באווייזן אז אויף אדער נאך מערץ 13, 2020, א מיטגלידער פון די פאמיליע האט באקומען ארבעטסלאזיקייט בענעפיטן **אדער** מיטגעמאכט א פארמינערונג פון פאמיליע פארדינסט, מיטגעמאכט גרויסע קאסטן אדער אנדערע פינאנציעלע שוועריקקייטן, דירעקט אדער אומדירעקט, צוליב די קאוויד-19 פאנדעמיע. די אפליקאנט וועט דארפן אונטערשרייבן די אפליקאציע בויגן און פארבינדינגע סערטיפיקאציע צו באשטימען אז די אינפארמאציע צוגעשטעלט אין די אפליקאציע איז ריכטיג.

לאנדלאורדס מוזן אויך צושטעלן אינפארמאציע אויף די סומע פון רענט דיו און די סומע וואס בלייבט איבער נישט געצאלט דורך די טענאנט. לאנדלאורדס מוזן אויך צושטעלן באנקינג אינפארמאציע צו באקומען באצאלונגען.

### 26. אויב איך האב נישט א ליס, אבער איך בין א מאנאט-צו-מאנאט טענאנט, בין איך נאכאלץ בארעכטיגט צו באקומען ERAP הילף?

פאמיליעס וואס האבן נישט קיין ליס וועט פארלאנגט ווערן צו צושטעלן אנדערע באווייז פון רענטפליכט, אזוי ווי א לאנדלאורד סטעיטמענט, אפגעזאגטע טשעק אדער באווייז פון אן עלעקטראנישע באצאלונג. לאנדלאורדס וועלן אויך געפרעגט ווערן צו צושטעלן די מערסטע לעצטע ליעס און צושטעלן אנדערע באווייז אז די אינדיווידיועל איז א טענאנט.

### 27. זענען אלע געגענטער לענגאויס ניו יארק סטעיט בארעכטיגט אויף ERAP הילף?

זיבן געגנטער/קרייזן וועלכע האבן באקומען געלט פאר עמערדזשענסי רענט הילף דירעקט פון דער פעדעראלער רעגירונג האבן באשלאסן צו אדמיניסטרירן זייערע אייגענע פראגראמען. איינוואוינער מיט פארדינסטן ביז 80% AMI וועלכע וואוינען אין איינע פון די פאלגענדע קאמיוניטיס זאלן זיך ווענדן פאר הילף די אין אייער קאמיוניטי:

- שטאט ראטשעסטער און מאנראו קאונטי
- טאון אָוו העמפסטעד
- טאון אָוו אָיסטער בעי
- טאון אָוו אייסליפ
- אנאנדאגא קאונטי
- שטאט יאנקערס

איינוואוינער פון די דאזיגע קאמיוניטיס קענען זיין בארעכטיגט פאר הילף פון די סטעיט-אדמיניסטרירטע עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם אויב זייער ארטיגע קאמיוניטי גיבט אויס זייערע אלע געלטער.

איינוואוינער פון די קאמיוניטיס **קענען זיך ווענדן** פאר די סטעיט-פינאנצירטע פראגראם וואס סערווירט הויזגעזינדער מיט פארדינסטן צווישן 80 און 120% פון AMI.

**28. אויב איך וואוין אין איינע פון די 7 קאמיוניטיס וועלכע אפערירן זייערע אייגענע פראגראמען, אבער יענע קאמיוניטי איז אויסגעלאפן פון די אלע געלטער, וועל איך זיין בארעכטיגט פאר ERAP דורך דער ניו יארק סטעיט פראגראם?**

יא, איינוואוינער אין די דאזיגע קאמיוניטיס קענען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר די סטעיט אדמיניסטרירטע ERAP אויב זייער קאמיוניטי האט שוין אויסגעגעבן די גאנצע געלט. דעריבער, ווערן מענטשן אין די קאמיוניטיס דערמוטיגט זיך צו ווענדן פאר עמערדזשענסי רענט הילף פראגראמען אנגעפירט דורך זייער קאמיוניטי.

**29. צי דארפן הויזגעזינדער האבן איינער וואס האט געליטן פון קאוויד-19 אויף צו זיין בארעכטיגט פאר ERAP?**

ניין, די עפעקט קיין זיין סיי דירעקט און סיי אומדירעקט פארבינדן צו קאוויד 19 פאמיליעס קענען האבן דורכגעגאנגען א פארמינערונג אין איינקונפט, אומגערישטע קאסטן, אדער דורכגעגאנגען אנדערע פינאנציעלע שוועריקייטן אלס רעזולטאלט פון קאוויד.

**30. זענען טענאנטס וואס וואוינען אין געביידעס מיט איבער 20 דירות בארעכטיגט פאר ERAP?**

יא. א טענעט וואס וואוינט אין א געביידע מיט מער פון 20 יוניטס איז בארעכטיגט פאר ERAP. זעהט פראגע #2 אונטערן קעפל "בענעפיטן אוועילעבל און ווער איז בארעכטיגט" פאר מער אינפארמאציע בנוגע פריאריטעטן

**31. צו קענען "סאב-לעטערס" זיך ווענדן פאר ERAP?**

יא. סאב-לעטערס (טענאנטס וואס דינגען ארויס זייער דירה פאר אנדערע) זענען בארעכטיגט זיך צו ווענדן פאר ERAP, אויב זיי טרעפן צו אלע אנדערע בארעכטיגקייט פארלאנגען אויסגערעכנט אין פראגע #2 אויבן. הינטערשטעליגע רענט מוז אבער שולדיג זיין פאר'ן לענדלארד אויף צו קוואליפיצירן פאר ERAP.

**32. איך טייל זיך אין מיין דירה מיט א רוממעיט. מיין רום-מעיט האט געקענט באצאלן זייער חלק פון דער רענט זינט מערץ 13, 2020, אבער איך האב נישט געקענט באצאלן מיין גאנצע רענט. צי בין איך בארעכטיגט פאר ERAP?**

יא, אויב אייער טייל פון די רענט איז נישט באצאלט געווארן און איר טרעפט צו די ERAP בארעכטיגקייט פארלאנגען. איר מוזט קענען געבן דאקומענטן צו ווייזן די רענט סומע וואס איר זענט שולדיג. באווייז דאקומענטן קענען זיין א רשימה פון רענט באצאלונג דורך גע'קענסעל'טע טשעקס אדער באנק סטעיטמענטס, אדער אנדערע דאקומענטן. באצאלונג פאר הינטערשטעליגע רענט וואס איר זענט שולדיג וועט באצאלט ווערן פאר'ן לענדלארד אדער פראפערטי אייגנטימער.

**33. אויב איך טייל אן אפארטמענט מיט נאכאיינעם אבער איך בין נישט אן אונטערגעשריבענעם צד אויפן ליעס, און איך באצאל מיין טייל פאר מיין רוממעיט, בין איך בארעכטיגט פאר ERAP?**

אויב איר קענט דאקומענטירן א היסטאריע פון רענט באצאלונגען קענט איר זיין בארעכטיגט אינעם יעצטיגן מצב וועט די ERAP הילף ווערן צוגעשטעלט פאר אייער לענדלארד ERAP הילף קען נאר ווערן צוגעשטעלט אויב אייער לענדלארד איז נישט געווארן באצאלט. אויב אייער חבר האט באצאלט פאר אייך דעם לענלארד און קיין שום רענט איז נישט געבליבן שולדיג, קענט איר נישט זיין בארעכטיגט פאר ERAP הילף.

**34. איך טייל אן אפארטמענט מיט דריי רוממעיטס אבער איך בין דער איינציגסטער וועמען עס איז נישט געווען מעגליך צו געבן מיין טייל אין די רענט. וועט מיינע דריי חברים'ס איינקופט ווערן גערעכנט בנוגע מיין בארעכטיגונג ביים אפשאצן אויב איך בין בארעכטיגט? ****

אויב עס איז אייך מעגליך צו דאקומענטירן אייער טייל פון רענט איר מוזט באצאלן חודש'ליך, דאן וועט נאר אייער איינקונפט ווערן גערעכנט ביים אפשאצן בארעכטיגונג איר דארפט זיך נישט איינשרייבן אייערע חברים'ס איינקופטן

אין אייער אפליקאציע באצאלונגען פון סיי וועלכע רענטל חובות איר זענט שולדיג וועט ווערן באצאלט דירעקט צום לענדלארד אדער בעל הבית

**35. איך טייל אן אפארטמענט מיט נאכאיינעם און עס איז מיר נישט געווען מעגליך צו באצאלן מיין טייל, אבער מיין חבר האט באצאלט פאר מיר. בין איך בארעכטיגט פאר ERAP הילף צו קענען באצאלן מיין חבר? ****

נניו, וויבאלד אייער חבר האט באצאלט די רענט, איז קיין שום רענט מער נישט געבליבן שולדיג

**36. איך פארליעס פאר איינעם מיין געדינגענגענע אפארטמענט און מיין איינוואוינער האט מיר נישט באצאלט די רענט חוב. איז מיין איינוואוינער בארעכטיגט פאר ERAP הילף מיר צו באצאלן זיין רענט חוב? ****

אויב דער אפארטמענט בעל הבית/ לענדלארד איז נישט געווארן באצאלט קען דער יעצטיגער איינוואוינער זיך איינגעבן פאר ERAP הילף דער אפליקאנט וועט ווערן פארלאנגט צו אויפווייזן רענט פליכט. וואס קען אריינרעכענען א אוטערגעשריבענע סוב- ליעס אפמאך, אדער א פארגעשטעלטע היסטאריע פון רענט באצאלונגען אינעם פארעם פון געקענסלטע טשעקס אדער באנק סטעיטמענטס. אויב בארעכטיגט, וועט די ERAP ווערן באצאלט צום לענדלארד

אבער אויב איר האט באצאלט דעם בעל הבית וועט דער יעצטיגער טענאנט נישט זיין בארעכטיגט פאר ERAP.

**37. אויב איך טייל אן אפארטמענט מיט נאכאיינעם און באקום הילף דורך ERAP, קען דער לענדלארד מיר באשולדיגן?**

אויב ארי טיילט אן אפארטמענט מיט נאכאיינעם און איר באצאלט אייער רענט טייל דירעקט צום לענדלארד אדער בעל הבית, מוז דער בעה"ב מסכים זיין צו די פאלגענדע תנאים צו קענען אנצונעמען די רענטל באצאלונגען:

- די ERAP דעקט אייער טייל פון רענט פליכט פארן צייט אפשניט וואס ווערט געדעקט דורכן באצאלונג.
- צו מבטל זיין יעדע שפעטע באצאלונג אפצאל חוב פון סיי וועלכע רענט תקופה וואס ווערט באצאלט דורך ERAP.
- נישט צו העכערן די חודש'ליכע רענט העכער דעם חוב סכום בשעת'ן זיך איינגעבן פאר ERAP הילף, פאר די חדשים וואס די הילף וועט דעקן און אויך נישט פאר א יאר נאכן באקומען די ERAP הילף.
- נישט צו באשולדיגן דעם פערזאן פאר וועם די הילף ווערט געגעבן צוליב אפגעלאפענע ליעס אדער אויסגעצויגענע וואוינונג צייט ביז א יאר נאכן באקומען די הילף אן אויסנאם ווערט געמאכט צו דעם תנאי אויב דער געביידע באשטייט פון פיר אדער ווייניגער יוניטס און דעם בעה"ב אדער זיין דירעקטע פאמיליע זוכט א באלדיגע אקופירונג פון דעם יוניט פאר הויפט וואויארט

**38. וועלן טענאנטס וואס דינגען נאר איין צימער זיין בארעכטיגט פאר ERAP?**

יא. זיי קענען זיין בארעכטיגט ווילאנג זיי האבן אלע אנדערע פראגראם פארלאנגען.

**39. קען א היימלאזע פאמיליע וואס וואוינט אין א שעלטער באקומען ERAP פאנדן כדי צו קענען דינגען א דירה?**

ניין, צו זיין בארעכטיגט מוז א פאמיליע אויפווייזן אז זיי האבן א יעצטיגע וואוינארט אין ניו יארק סטעיט פאר וואס זיי זענען געבליבן שולדיג רענט.

**40. וויאזוי קענען איבערלעבער פון שטוב-געוואלד ("דאמעסטיק ווייאלענס") צוטרעפן די באווייז פארלאנגען פאר פריאריטעט אפליקאציע פראצעסירן?**

זעלבסט באשטעטיגונג ווערט אנגענומען.

**41. ווען טענעטס וואס ארבעטן "נישט אויף די ביכער" זיין בארעכטיגט פאר ERAP?**

יא. אין מצבים וואו איינקונפט דאקומענטאציע איז נישט פארהאן וועט זעלבסט-באשטעטיגונג דורך א געשריבענע און אונטערגעשריבענע סטעיטמענט פון איינקופט ווערן אנגענומען אלס באווייז פון איינקופט/פארלוירענע איינקופט.

**42. איך האב שולדיגע רענט פון בעפאר די פענדעמיק, קען איך נאך אלץ ERAP הילף פאר מערץ 2020 און ווייטער?**

יא. איר קענט נאך אלס זיך איינגעבן פאר חובות וואס האבן זיך אנגעקליבן נאך מערץ 13, 2020.

**43. איינמאל איך האב מיר איינגעגעבן פאר א פולע 12 חדשים'דיגע באצאלונג ווי אויך א צוגאב פון 3 חדשים פאראויס וועל איך זיין בארעכטיגט נאכאמאל זיך איינצוגעבן?**

ניין. הילף איז באגרעניצט פאר 15 חדשים - 12 חדשים חובות און 3 חדשים פאראויס.

**44. זענען מאביל אייגנטומער מיט שטח רענט חובות בארעכטיגט פאר ERAP?**

יא. שטח רענט חובות קען ווערן באצאלט דורך ERAP

**45. צו זענען שעירהאלדערס אין לאָו-אינקאָם קאָ-אַפּס בארעכטיגט פאר ERAP?**

ניין, קא-אפ שעירהאלדערס זענען נישט בארעכטיגט פאר ERAP צו דעקן מאנאטליכע קא-אפ/מעינטענענס קאסטן.

## אפליקאציע פראצעסירונג

**1. וועט הילף דורך ERAP ווערן צוגעשטעלט לויטן סדר ווי זיי קומען אריין?**

פאר די ערשטע 30 טעג פון דעם פראגראם, פון 6/1/21 ביז 6/30/21, וועט מען געבן פריאריטעט פאר הויזגעזינדער אין דעם פאלגענדן סדר:

1. הויזגעזינדער מיט איינקונפט ביז 50 פראצענט פון די דורכשניטליכע איינקונפט אינעם געגנט (AMI) מיט א הויזגעזינד מיטגליד וועלכער:
   - איז יעצט ארבעטסלאז פאר אמווייניגסטנס 90 טעג; אדער
   - איז א וועטעראן; אדער
   - גייט אריבער דאמעסטישע געוואלדטאטן אדער מענטשן האנדל; אדער
   - האט אן ארויסזעץ קעיס פארבינדן צו זייער יעצטיגע וואוינארט פענדינג אין געריכט; אדער
   - וואוינט אין א מאביל הויז; אדער
   - וואוינט אין א קהילה וואס איז געטראפן געווארן אומפראפארציאנעל דורך קאוויד-19; אדער
   - וואוינט אין א געביידע פון 20 אדער ווייניגער דירות.
2. הויזגעזינד מיט די פארדינסט ביז 50 פראצענט AMI.
3. הויזגעזינד מיט פארדינסט ביז 80 פראצענט AMI וואס האט אויך א הויזגעזינד מיטגליד וואס:
   - איז יעצט ארבעטסלאז פאר אמווייניגסטנס 90 טעג; אדער
   - איז א וועטעראן; אדער

- גייט אריבער דאמעסטישע געוואלדטאטן אדער מענטשן האנדל; אדער
- האט אן ארויסווארפענע קעיס פארבינדן צו זייער יעצטיגע וואוינארט פענדינג אין געריכט; אדער
- וואוינט אין א מאביל הויז; אדער
- וואוינט אין א קהילה וואס איז געטראפן געווארן אומפראפארציאנעל דורך קאוויד-19; אדער
- וואוינט אין א געביידע פון 20 אדער ווייניגער יוניטס.

4. הויזגעזינד מיט פארדינסט ביז 80 פראצענט AMI.

נאך 6/30/21 (די ערשטע 30 טעג) וועט מען פראצעסירן אלע אפליקאציעס פאר בארעכטיגטע הויזגעזינדער לויט'ן סדר וויאזוי זיי זענען איינגעגעבן געווארן, ווילאנג די געלט איז נאכנישט אויסגעגאנגען.

**2. ווי אזוי ווערן "געגנטן אומפראפארציאנעל באווירקט דורך קאוויד-19" באשטימט?**

געגנטן אומפראפארציאנעל באווירקט דורך קאוויד-19 ווערן באשטימט באזירט אויף א קהילה'ס ראטע פון קאוויד-19 אנשטעקונג אדער די ראטע פון ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיט קלאגעס.

**3. קענען נאנ-פריאריטי טענאנטס זיך אנגעבן דורכאויס די ערשטע 30 טעג, אדער זיי דארפן צווארטן?**

סיי וועלכע הויזווירטשאפט וואס פארדינט אונטער 80% פון די מיטעלע פלאץ פארדינסט וואס איז שולדיג רענט איז בארעכטיגט צו זיך איינגעבן דעריין די ערשטע 30 טעג.

**4. אויב א טענאנט וואוינט אין א געביידע מיט 20 אדער ווינציגער יוניטס, אבער דער אייגנטומער פון דעם שטח איז אויך אייגנטומער אויף פילצאליגע געביידעס מיט מער ווי 20 יוניטס, איז דער אפליקאנט בארעכטיגט פאר פריאריטי?**

יא. די 20 יוניט פריאריזעישאן קאטעגאריע איז באזירט אויפן געביידע וואו די הויזווירטשאפט וואוינט.

**5. ווי אזוי קען איך העלפן פארזיכערן מיין אפליקאציע זאל שנעל דורכגיין?**

צושטעלן א פולשטענדיגע אפליקאציע מיט אלע געפאדערטע דאקומענטן פונעם טענאנט און לענדלארד וועט פארשנעלערן דעם פראסעסינג פונעם אפליקאציע. זעט די טענאנט'ס טשעקליסט און לענדלארד'ס טשעקליסט.

כדי אייער אפליקאציע זאל גערעכנט ווערן פולקאם, מוזן אלע געפאדערטע סעקטארן אינעם אפליקאציע ווערן אויסגעפילט.

**6. אויב א לענדלארד ענטפערט נישט, קען די רענט צאלונגען ווערן געמאכט צו טענאנטס?**

ניין. באצאלונגען וואס ווערן דערהאלטן דורך ERAP מוזן ווערן גענוצט צו צאלן לענדלארדס פאר רענט וואס בארעכטיגטע טענאנטס קומען זיי.

פראגראם אדמיניסטרירער וועלן קאנטאקטן לענדלארדס זיי מודיע צו זיין אז נאך אינפארמאציע איז נויטיג באזירט אויפ'ן אימעיל אדער אנדערע קאנטאקט אינפארמאציע צוגעשטעלט דורך דער טענאנט.

אויב דער טענאנט איז באשטימט בארעכטיגט פאר ERAP הילף און דער לענדלארד קען מען נישט טרעפן אויף צו באקומען די נויטיגע אינפארמאציע אויף ארויסצוגעבן די רענט באצאלונג וועט דער סטעיט אוועקלייגן די געלטער לטובת דער טענאנט פאר ווייניגסטנס 180 טעג. טענאנטס וועלן באקומען א מודעה בכתב וועגן די רענט הילף וואס איז פארהאן. טענאנטס זאלן מיטטיילן דער מודעה מיט דער לענדלארד און, אויב נייטיג, מעגן עס געבן פאר א געריכט אלס א פארטיידיגונג אין סיי וועלכע פראצעדור געברענגט דורך דער לענדלארד אויף צו באקומען א געלט מישפט אדער ארויסזעץ באפעל צוליב נישט-באצאלטע רענט שולדיג געווארן במשך דער צייט אפשניט געדעקט דורך די פארהאנענע ERAP באצאלונג.

**7. צי דארפן טענאנטס אליין צוזאמנעמען דאקומענטן פון לענדלארדס?**

ניין. דער לענדלארד וועט ווערן איינגעלאדנט דורך אימעיל אדער טעקסט אויסצופילן זייער טייל פון דער אפליקאציע. אויב מיר קענען נישט גרייכן אייער לענדלארד, וועלן מיר מעגליך זיך נאכאמאל פארבינדן מיט׳ן טענאנט צו באקומען גע׳אפדעיט׳ע קאנטאקט אינפארמאציע.

**8. אויב איך בין א טענאנט, קען מיין לענדלארד זעהן מיין פריוואטע אינפארמאציע אויף מיין אפליקאציע פאר ERAP, אזויווי מיין פארדינס, אן מיין צושטימונג?**

ניין, פריוואטע אינפארמאציע ענטהאלטן אין די אנליין ERAP אפליקאציע וועגן א טענאנט'ס פארדינסט קען נישט א לענדלארד זעהן אנליין.

טענאנטס און לענדלארדס מעגן ארבעטן איניינעם צו ענדיגן אן אפליקאציע און טענאנטס קענען אויסוועלן צו צושטעלן פריוואטע אינפארמאציע צו לענדלארדס צו זיי העלפן אריינגעבן א גענדיגטע אפליקאציע.

**9. אויב בין איך א לענדלארד, קען מיין טענאנט זעהן מיין פריוואטע אינפארמאציע אויף מיין אפליקאציע פאר ERAP, אזויווי מיין באנק אקאונט אדער שטייער אינפארמאציע?**

ניין, פריוואטע אינפארמאציע ענטהאלטן אין די אנליין ERAP אפליקאציע וועגן א לענדלארד'ס באנק אקאונט, שטייער אינפארמאציע אדער אנדערע פריוואטע אינפארמאציע, קען נישט ווערן געקוקט אנליין דורך די טענאנט.

**10. טוהן טענענטס און לענדלארדס אריינגעבן איין אפליקאציע אדער באזונדערע אפליקאציעס?**

טענאנטס און לענדלארדס וועלן אריינגעבן איין אפליקאציע; אבער, עס זענען דא באזונדערע טיילן פאר די טענאנט און די לענדלארד צו ענדיגן.

**11. וועט א האנטשריפט אונטערשרייבונג אדער א אי-אונטערשרייבונג זיין פארלאנגט פאר די אפליקאציע?**

די ERAP אפליקאציע וועט זיין אוועילעבל נאר אנליין, דערפאר וועלן אי-אונטערשרייבונג זיין פארלאנגט.

**12. וועט זיין אן איבערקוק פראצעס פאר אפגעזאגטע אפליקאציעס?**

יא. אינפארמאציע וועגן די פראצעס פאר איבערקוקן וועט זיין אריינגערעכנט אלס א טייל פון די בארעכטיגטקייט באשטימונג מעלדונג וואס א פאמיליע באקומט.

**13. נאכ׳ן זיך ווענדן פאר ERAP, וועל איך באקומען אפדעיטס בנוגע מיין אפליקאציע סטאטוס?**

די אפליקאנט(ן) וועלן באקומען מודעות דורך זייער פרעפערירטע קאנטאקט מיטל.

**14. אויב אן אריינגעגעבינע אפליקאציע איז גערעכנט נישט גענדיגט אדער ענטהאלט נישט גענוג דאקומענטאציע, וועט OTDA צושטעלן די אפליקאנט(ן) א געלעגענהייט צו נאכאמאל אריין נעמען אין באטראכט די אפליקאציע?**

יא. די אפליקאנט(ן) און/אדער באשטימטע פארשטייער וועט ווערן אלערטעד דורך זייער אויסגעוועלטע קאנטאקט וועג צו צושטעלן פעלענדע דאקומענטאציע.

**15. אויב א סאבלעטער געבט זיך איין פאר ERAP, ווער וועט זיין פאראנטווארטליך פאר ענדיגן די לענדלארד'ס טייל פון די אפליקאציע? די סאבלעסער אדער די פראפערטי אייגענטומער/מענעדזשער?**

די פראפערטי אייגענטומער/פראפערטי מענעדזשער וועט זיין פאראנטווארטליך פאר ענדיגן די לענדלארד'ס טייל פון די אפליקאציע.

# הילף פאר טענאנטס נישט בארעכטיגט פאר ERAP

### 1. וואָס איז אויב איך בין אפגעזאגט הילף דורך ERAP?  וויאזוי קען איך באקומען הילף?

פאמיליעס וואס זענען נישט בארעכטיגט פאר ERAP קענען זוכן הילף דורך:

- זייער לאקאלע דעפארטמענטס פון סאשעל סערוויסעס אפיס.
- די United Way Helpline, וואס האט צוטריט צו פארשידענע לאקאלע סערוויסעס דורכאויס די סטעיט. מען קען זיי דערגרייכן דורכ'ן טעלעפאן דורך רופן 211.
- ניו יארק סיטי איינוואוינערס קענען באקומען אינפארמאציע אויף פארשידענע לאקאלע סערוויסעס דורך רופן 311.

## לענדלארד/ פראפערטי אייגנטומער אין באטראכט נעמונג

### 1. אלץ א לענדלארד, קען איך איינגעבן אין די נאמען פון מיין טענאנט?

לענדלארדס מעגן אנהייבן די אפליקאציע פראצעס און מעגן צושטעלן פארלאנגטע לענדלארד אינפארמאציע אונליין. אויב די לענדלארד הייבט אן די אפליקאציע, וועט א מעלדונג גיין צו די טענאנט אז די אפליקאציע האט זיך אנגעהויבן און בעטן אז זיי זאלן ענדיגן סיי וועלכע פארלאנגטע טענאנט אינפארמאציע. א לענדלארד מעג נישט ענדיגן א גאנצע אפליקאציע אין נאמען פון א טענאנט; אויף א מינימום, מוז די טענאנט אונטערשרייבן און דערקלערן אז די אינפארמאציע פארהאן אין די אפליקאציע איז ריכטיג.

### 2. וועלכע דאקומענטאציע איז א לענדלארד ערווארטעט צו צושטעלן?

- **W-9 טעקס פארמס** אינגאנצן אויסגעפילט. די אינפארמאציע מוז ווערן אריינגעלייגט אין דער אפליקאציע פארטעל. א גע׳סקענ׳טע קאפיע וועט נישט ווערן אנגענומען.
- אויסגעפירטע **ליעס** מיט טענאנט אפליקאנט, אדער אויב נישטא א געשריבענע ליעס, א גע'קענסעל'טע טשעק, באוויז פון געלטער אריבערגעפירט אדער אנדערע דאקומענטאציע פון די לעצטע פולע מאנאטליכע רענט באצאלונג.
- **דאקומענטאציע פון רענט שולדיג** פונעם טענאנט (צ.ב. לעדזשער, אדג.) אדער דערקלערונג אויף'ן אפליקאציע.
- **באנקינג אינפארמאציע** צו באקומען דירעקטע דעפאזיט באצאלונגען.

די פראפערטי אייגנטומער אדער אויטאריזירטע פראפערטי מענעדשזמענט פירמע וועלן ווערן פארלאנגט צו אונטערשרייבן די אפליקאציע בויגן און פארבינדענע סערטיפיקאציעס צושטימענדיג אז די אינפארמאציע צוגעשטעלט, אריינעמענדיג די סכום פון רענטחובות שולדיג, איז ריכטיג און טוט נישט דאפלען א צאלונג באקומען פון אן אנדערע פראגראם.

לענדלארדס וועלן ווערן געמאלדן אויב נאך אינפארמאציע איז פארלאנגט צו קענען ענדיגן איינע פון זייער טענאנטס אפליקאציעס.

### 3. וואס געשעהט אויב א לענדלארד פאלט דורך אדער אנטזאגט זיך צו צושטעלן די נויטיגע אינפארמאציע אדער דאקומענטאציע? **

וואו א לענדלארד אין אן געמיינדע אנטיילנעמענדיג אין די סטעיט'ס ERAP פראגראם פאלט דורך אדער אנטזאגט זיך צו צושטעלן די אינפארמאציע נויטיג צו מאכן א רענטחובות צאלונג צו די לענדלארד אין נאמען פון די טענאנט נאך פארשטענדליכע באמיאונגען (אריינעמענדיג פארבידונג) אזוויי צוגעשטעלט אונטער סטעיט געזעץ, די סומע פון רענטהילף וואס די לענדלארד וואלט געווארן געצאלט ווערט אוועקגעשטעלט אין א זייט פאר 180 טעג (אדער

לענגער אויב עס איז פארהאן א גוטע סיבה) אז די לענדלארד זאל קענען אריינגעבן די פארלאנגטע אינפארמאציע. אויב די לענדלארד האט נישט צוגעשטעלט די נויטיגע אינפארמאציע נאך 180 טעג פון די טענאנט'ס באשטימונג פון בארעכטיגונג, קען די OTDA ניי צוטיילן די געלטער געשטעלט אין זייט צו סערווירן אנדערע ERAP אפליקאנטן, און די טענאנט מעד נוצן די צייטווייליגע באשטימונג פון ERAP בארעכטיגונג אלס א שטארקע פארטיידיגונג אין סיי וועלכע פארהאנדלונג געברענגט דורך די לענדלארד אין די נאכפאלגענדע יאר פאר א געלט אורטייל אדער א באפעל פון ארויסווארפן באזירט אויף נישט צאלן די רענט וואס וואלט געווארן געדעקט דורך די צאלונג. נאך 12 מאנאטן, איז די לענדלארד באשטימט צו האבן אפגעזאגט די סומע פון רענט וואס וואלט געווארן געדעקט דורך די צאלונג.

**4. זענען דא סיי וועלכע טערמינען און באדינגונגען וואס א לענדלארד מוז אננעמען אויב זיי ווילן אויס צו באקומען הילף מיט שילדיגע רענטקאסטן דורך ERAP?**

יא. די הויפט ציל פון ERAP איז צו פארמיידן איינוואוינער פון ווערן ארויסגעווארפן און צו שטיצן האוזינג סטאביליטעט פאר טענאנטס שטארק אפעקטירט דורך די נעגאטיווע עקאנאמישע נאכפאלגן פון קאוויד-19. די פראגראם איז אויך א וויכטיגע פארעם פון נויטיגע פארלייכטערונגפאר לענדלארדס שטארק אפעקטירט דורך טענאנטס וואס האבן נישט געקענט נאכקומען זייער רענט פארפליכטונג צוליב די נעגאטיווע עקאנאמישע נאכפאלגן פון קאוויד-19.

די פראפערטי אייגנטומער אדער אוטאריזירטע פראפערטי מענעדשזמענט פירמע מוז צושטימען צו די פאלגענדע טערמינען אלס א באדינגונג פון אננעמען רענטחובות צאלונג:

- די ERAP דעקט די פולע רענט פליכט פארן צייט אפשניט וואס ווערט געדעקט דורך די באצאלונג.
- צו מבטל זיין יעדע שפעטע באצאלונג פון סיי וועלכע רענטחובות וואס ווערט געדעקט דורך די ERAP צאלונג.
- נישט העכערן די מאנאטליכע רענטסומע העכער די מאנאטליכע סומע שולדיג ביי די צייט פון די אפליקאציע פאר ERAP הילף פאר מאנאטן פאר וועלכע רענטהילף איז באקומען און פאר איין יאר פונעם באקומען די ERAP צאלונג.
- נישט צו באשולדיגן די הויזגעזינד פאר וועם די ERAP צאלונג ווערט געמאכט צוליב אפגעלאפענע ליעס אדער ארויסגעצויגענע וואוינונג צייט ביז א יאר נאכן באקומען די ERAP צאלונג. אן אויסנאם ווערט געמאכט צו דעם תנאי אויב דער געביידע באשטייט פון פיר אדער ווייניגער יוניטס און דעם בעה"ב אדער זיין דירעקטע פאמיליע זוכט א באלדיגע אקופירונג פון דעם יוניט פאר הויפט וואויארט

**5. וואס געשעהט אויב א לענדלארד אנטזאגט זיך צו אננעמען ERAP הילף פאר רענטחובות שולדיג דורך די טענאנט? ****

אויב די לענדלארד אנטזאגט זיך צו אננעמען ERAP הילף פאר רענטחובות שולדיג דורך די טענאנט, קען די טענאנט נוצן די צייטווייליגע באשטימונג פון ERAP בארעכטיגונג אלס א שטארקע פארטיידיגונג אין סיי וועלכע פארהאנדלונג געברענגט דורך די לענדלארד אין די נאכפאלגענדע יאר פאר א געלט אורטייל אדער א באפעל פון ארויסווארפן באזירט אויף נישט צאלן די רענט וואס וואלט געווארן געדעקט דורך די צאלונג. נאך 12 מאנאטןפון די טענאנטס באשטימונג פון צייטווייליגע בארעכטיגונג איז די לענדלארד באשטימט צו האבן אפגעזאגט די סומע פון רענט וואס וואלט געווארן געדעקט דורך די צאלונג.

**6. אויב מיין טענאנט איז מיר שולדיג רענט פון פאר מערץ 13, 2020, אדער צאלט נישט די רענט נאך די צייט געדעקט דורך די ERAP צאלונג גייט פארביי, וועל איך זיין פארבאטן צו ארויסווארפן מיין טענאנט פארן נישט באצאלן רענט אין די יאר נאכפאלגענדיג מיין באקומען פון די ERAP צאלונג? ****

ניין. אלס א באדינגונג פון באקומען אן ERAP צאלונג, מוז א לענדלארד צושטימען אז די ERAP צאלונג דעקט די טענאנט'ס פולע רענטפליכט פארן צייט אפשניט וואס ווערט געדעקט דורך די ERAP באצאלונג. אויב א טענאנט איז שולדיג רענטחובות נאך פון פאר די קאוויד-19 פאנדעמיע, אדער טוט נישט צאלן רענט אין די צוקונפט, וועט א

לענדלארד נישט זיין פארבאטן פון אנהייבן ארויסווארפן איינמאל סיי וועלכע פאסיגע ארויסווארפן מאראטאריעם לויפט אפ.

**7. מעג א לענדלארד ארויסווארפן א טענאנט וואס איז געווארן שטארק אפעקטירט דורך די נעגאטיווע עקאנאמישע נאכפאלגן פון קאוויד-19 אויב די לענדלארד אנטזאגט זיך צו אננעמען הילף דורך ERAP מיט שפעטע רענט וואס די טענאנט איז שולדיג?**

א לענדלארד מעג נישט ארויסווארפן א טענעט פארן נישט צאלן רענט אין די צייט וואס וואלט געווארן געדעקט דורך די ERAP צאלונג וואס די לענדלארד אנטזאגט זיך צו אננעמען. אזוויי אנגעמערקט אויבן, קען די טענאנט נוצן די צייטווייליגע באשטימונג פון ERAP בארעכטיגונג אלס א שטארקע פארטיידיגונג אין סיי וועלכע פארהאנדלונג געברענגט דורך די לענדלארד אין די נאכפאלגענדע יאר פאר א געלט אורטייל אדער א באפעל פון ארויסווארפן באזירט אויף נישט צאלן די רענט וואס וואלט געווארן געדעקט דורך די צאלונג. נאך 12 מאנאטן, איז די לענדלארד באשטימט צו האבן אפגעזאגט די סומע פון רענט וואס וואלט געווארן געדעקט דורך די צאלונג.

**8. איז דא א יוניט אינספעקציע פארלאנגט פאר ERAP?**

ניין.

**9. פארוואס זענען לענדלארדס פארלאנגט אריינצוגעבן א W-9 טעקס פארם?**

דער W-9 טעקס פארם איז פארלאנגט אויף צו באקומען ERAP באצאלונגען.

## טענאנט באשיצונגען

1. אויב איך ווענד מיך פאר ERAP קען מיך מיין לענדלארד ארויסזעצן צוליב אן אפגעלאפענע ליעס, אדער צוליב נישט קענען באצאלן מיין רענט דורכאויס דער קאוויד-19 פאנדעמיע?**
2. צי זענען די זעלבע באגרעניצונגען אנווענדליך אויב איך וואוין אין איינע פון די זיבן קאמיוניטיס וועלכע אפערירט איר אייגענע עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם? **
3. איך האב מיך געווענדן פאר ERAP אבער מיין לענדלארד איז נישט מסכים עס אנצונעמען. צי קען איך ארויסגעשטעלט ווערן ווי לאנג מיין אפליקאציע איז נאך אפהענגיג?
4. אויב מיין לענדלארד איז נישט מסכים צו געבן די נויטיגע אינפארמאציע צו פארענדיגן דער אפליקאציע אדער אנטזאגט זיך פון אנצונעמען ERAP געלטער, בין איך נאך אלץ בארעכטיגט צו די באשיצונגען? **
5. Will my information be shared with ICE or immigration authorities?

**1. אויב איך ווענד מיך פאר ERAP קען מיך מיין לענדלארד ארויסזעצן צוליב אן אפגעלאפענע ליעס, אדער צוליב נישט קענען באצאלן מיין רענט דורכאויס דער קאוויד-19 פאנדעמיע?**

אפילו אויב איר האט זיך נישט געווענדן פאר ERAP קען אייך לענדלארד זיין פארבאטן פון אייך ארויסזעצן אונטער די קאוויד-19 עמערדזשענסי ארויסזעצן און פארקלאזשערער אפהאלט אקט פון 2020 (דער "CEEFPA"). CEEFPA פארבאט פון לענדלארדס אנצוהייבן נייע ארויסזעץ פראצעדורן באזירט אויף דאס נישט באצאלן רענט אויב די טענאנטן האבן געליטן קאוויד-פארבינדענע פינאנציעלע שוועריגקייטן און האבן נישט געקענט באצאלן זייער רענט אלס רעזולטאט. גאווערנער קעטי האקול האט פארלענגערט CEEFPA ביז נאך יאנואר 15, 2022. דאס מיינט אז אויב איר האט נישט געקענט באצאלן צוליב דעם וואס איר האט געליטן פינאנציעלע שוועריגקייטן אלס רעזולטאט פון קאוויד-19, קענט איר זיין באשיצט קעגן ארויסגעזעצט ווערן ביז וויניגסטנס יאנואר 15, 2022. צו באקומען באשיצונג אונטער CEEFPA מוזט איר אויספילן אינגאנצן און אונטערשרייבן א שוועריגקייטן דעקלערעציע, וועלכס איז א דאקומענט וואס ערקלערט וויאזוי איר האט מיטגעמאכט פינאנציעלע שוועריגקייטן. נאכדעם וואס איר האט געענדיגט די שוועריגקייטן דעקלערעציע, זאלט איר דאס געבן פאר אייער לענדלארד. אייער שוועריגקייט דעקלערעציע קען קעגנגעשטעלט ווערן אין געריכט דורך אייער לענדלארד אויב אייער לענדלארד גלייבט אז איר האט נישט געליטן קיין שוועריגקייטן און אז אייער טענה איז נישט גילטיג. מער

אינפארמאציע וועגן דער EEFPA, ווי אויך א שווערִיגקייט דעקלערַאציע וואס איר קענט אויספילן דערפאר, קען מען געפונען אויף דער אפיס פון געריכט אדמיניסטראציע׳ס אינטערנעט וועבזייטל אויף https://www.nycourts.gov/eefpa/.

~~אין צוגאב האט דער "צענטער פאר דיזיעז קאנטראל און פרעווענשען" (סי-די-סי) ארויסגעגעבן א נייע פאראָרדנונג וואס שטעלט אפ אלע ארויסזעץ פראצעסן אין קאונטיס לענגאויס דעם לאנד וואס האבן געליטן באדייטנדע אדער הויכע שטאפלען קאמיוניטי טראנסמיסיע פון קאוויד-19. דער נייער סי-די-סי ארויסזעץ הפסקה איז אריין אין קראפט אויגוסט 3, 2021, און וועט בלייבן אין קראפט ביז אקטאבער 3, 2021. אויך צו זיין אפגעהיטן מוזן טענאנטן אויך אריינגעבן א שווערִיגקייט דעקלערַאציע. מער אינפארמאציע וועגן דער נייער ארויסזעץ הפסקה און וואספארא אינפארמאציע איז פארלאנגט צו פארענדיגן דער דעקלערַאציע, ביטע זעהט https://www.cdc.gov/coronavirus/2019-ncov/covid-eviction-declaration.~~

איינמאל איר גיבט זיך איין פאר ERAP, קענט איר נישט ווערן ארויסגעווארפן ווייל אייער ליעס איז אפגעלאפן, אדער ווייל איר האט נישט געצאלט רענט אין די צייט פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. ווען איר גיבט אריין אייער ERAP אפליקאציע וועט איר באקומען א מעלדונג מיט אן אפליקאציע נומער. איר קענט ווייזן די מעלדונג פאר אייער לענדלארד, און צו די געריכט אויב אייער לענדלארד הייבט אן א פארהאנדלונג אין געריכט אייך צו ארויסווארפן ווייל אייער ליעס איז אפגעלאפן, איר זענט א טענאנט וואס איז געבליבן וואוינען מיט אן אפגעלאפענע ליעס, אדער ווייל איר האט נישט געקענט צאלן רענט וואס וואלט געוועןן בארעכטיגט פאר דעקונג אונטער ERAP.

אויב איר זענט באשטימט בארעכטיגט צו באקומען עמערדשענסי רענטהילף אונטער ERAP, וועט איר באקומען א מעלדונג אנווייזנדיג אז איר זענט צייטווייליג באשטעטיגט צו באקומען ERAP. דאס מיינט אז איר האט פארענדיגט אייער טייל פון די אפליקאציע, אבער איער לענדלארד האט נאכנישט אריינגעגעבן דאקומענטן אדער אינפארמאציע נויטיג פאר אייער לענדלארד צו ענדיגן אייער אפליקאציע און באקומען צאלונג. איינמאל איר זענט געווארן צייטווייליג באשטעטיגט צו באקומען הילף אונטער ERAP, קענט איר נישט ווערן ארויסגעווארפן ווייל אייער ליעס איז אפגעלאפן, אדער ווייל איר האט נישט געצאלט רענט אין די צייט פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. אויב אייער לענדלארד הייבט אן א פארהאנדלונג אין געריכט אייך צו ארויסווארפן ווייל אייער ליעס איז אפגעלאפן, איר זענט א טענאנט וואס וואוינט מיט אן אפגעלאפענע ליעס, אדער ווייל איר האט נישט געקענט צאלן רענט וואס וואלט געווען בארעכטיגט פאר דעקונג אונטער ERAP, ווייזט די צייטווייליגע באשטעטיגונג מעלדונג צו די געריכט. אפילו אויב אייער לענדלארט גיבט נישט אריין דאקומענטן אדער אינפארמאציע נויטיג צו ענדיגן אייער אפליקאציע, קענט איר נישט ווערן ארויסגעווארפן אין די קומענדיגע יאר נאכפאלגענדיג די דאטום פון אייער צייטווייליגע באשטעטיגונג ווייל אייער ליעס איז אפגעלאפן, אדער ווייל איר האט נישט געצאלט רענט אין די צייט פון די קאוויד-19 פאנדעמיע.

איינמאל אייער לענדלארד האט פארענדיגט איר טייל פון אייער ERAP אפליקאציע און אייער אפליקאציע איז גענצליך באשטעטיגט, מעג אייער לענדלארד אייך נישט ארויסווארפן ווייל אייער ליעס איז אפגעלאפן, אדער ווייל איר האט נישט געצאלט רענט אין די צייט פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. אייער לענדלארד מוז צושטימען צו די פאלגענדע טערמינען אלס א באדינגונג פון אננעמען רענטחובות צאלונגען:

- דער ERAP צאלונג דארף באפרידיגן דעם טענאַנט׳ס פולע רענט חובות פאר דעם גאנצע טערמין געדעקט דורך דער צאלונג.
- מוותר זיין אויף שפעט-אפצאל (׳לעיט פיעס׳) אויף אלע הינטערשטעליגע רענט חובות וואס ווערן געדעקט דורך דער ERAP באצאלונג.
- נישט צו העכערן די חודש׳ליכע רענט העכער די סומע שולדיג ביי דער צייט פון דער ERAP אפליקאציע פאר די חדשים וואס מען באקומט רענט הילף און פאר איין יאר נאכ׳ן באקומען דער ERAP באצאלונג.
- נישט ארויסשטעלן דעם הויזגעזינד פאר וועמען דער ERAP ווערט באצאלט צוליב אן אויסגעלאפענע ליעס אדער א האָולדאָווער טענאנט ביז איין יאר נאכ׳ן באקומען דער ERAP צאלונג. אן אויסנאם צו דער תנאי וועט געמאכט ווערן אויב דער הויז פארמאגט פיר אדער ווייניגער דירות, און דער אייגנטימער אדער דער אייגנטימער׳ס פאמיליע האבן בדעה תיכף צו פארנעמען דער דירה אויף צו ניצן פאר זיך פאר א הויפט וואוינונג.

**2. צי זענען די זעלבע באגרעניצונגען אנווענדליך אויב איך וואוין אין איינע פון די זיבן קאמיוניטיס וועלכע אפערירט איר אייגענע עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם?**

יא. אנגעהויבן סעפטעמבער 2, 2021 וועלן די באגרענעצונגען קעגן ארויסזעצן אונטער דער סטעיט ERAP געזעץ אויך זיין גילטיג אין די קאמיוניטיס וועלכע האבן אויסגעוועהלט צו אפערירן זייערע אייגענע עמערדזשענסי רענט הילף פראגראמען. פונדעסטוועגן אויב איר האט זיך געוואנדן צו אן עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם אין אייער קאמיוניטי בעפאר סעפטעמבער 2, 2021, און אייער לענדלארד האט שוין אנגענומען די עמערדזשענסי רענט הילף באצאלונג, קענט איר נישט באקומען די זעלבע ארויסזעץ באשיצונגען.

**2. איך האב זיך איינגעגעבן פאר ERAP אבער מייו לענדלארד אנטזאגט זיך עס צו אננעמען. קען איך ווערן ארויסגעווארפן בשעת מיין אפליקאציע בלייבט אנגייענדיג?****

איינמאל איר האט זיך איינגעגעבן פאר ERAP, קען אייער לענדלארד אייך נישט ארויסווארפן פארן נישט צאלן רענט אין די געדעקטע צייט אפשניט חוץ אויב איר זענט באשטימט צו זיין נישט בארעכטיגט צו באקומען ERAP הילף.

**3.  אויב מיין לענדלארד אנטזאגט זיך צו צושטעלן די אינפארמאציע נויטיג צו ענדיגן די אפליקאציע אדער אנטזאגט זיך צו אננעמען ERAP געלטער, בין איך נאכאלץ בארעכטיגט צו באשיצונגען?****

אויב איר זענט אנדערש בארעכטיגט צו באקומען הילף אונטער ERAP און אייער לענדלארד אנטזאגט זיך צו צושטעלן די אינפארמאציע נויטיג צו ענדיגן די אפליקאציע, אדער אנטזאגט זיך צו אננעמען ERAP געלטער, וועט איר באקומען א בריוו וואס איר קענט ווייזן צו די געריכט אויב אייער לענדלארד פרובירט אייך צו ארויסווארפן.

איר קענט נישט ווערן ארויסגעווארפן וויל איר זענט דורכגעפאלן צו צאלן רענט אין די צייט אפשניט געדעקט דורך די ERAP צאלונג וואס די לענדלארד אנטזאגט זיך צו אננעמען, וואס נעמט אריין די צייט פאר וועלכע רענטחובות וואלט געווארן באצאלט, ווי אויך די צייט פאר וועלכע סיי וועלכע מעגליכע (צוקונפטדיגע) רענטחובות הילף וואלט געווארן געצאלט.

אין צוגאב, קען די לענדלארד נישט באקומען א געלט אורטייל קעגן אייך אין האוזינג געריכט, ציווילע געריכט, אדער סופרים געריכט פאר די צייט אפשניט געדעקט דורך די ERAP צאלונג וואס די לענדלארד אנטזאגט זיך צו אננעמען. *דאס וועט אייך צושטעלן א פארטייטיגונג אין סיי וועלכע פארהאנדלונג.*

לעצט, אויב אייער לענדלארד אנטזאגט זיך צו אננעמען ERAP צאלונגען, אדער אויב אייער לענדלארד נעמט אן ERAP צאלונגען אבער טוישט די טערמינען און באדינגונגען פון אייער וואוינונג, אדער פארנאכלעסיגט צו מאכן נויטיגע פאריכטונגען, קענען זיי זיין שולדיג קעגן אייך פאר דיסקרימינאציע צוליב אייער געזעצליכע קוואל פון פארדינסט. איר קענט זיך פארבינדן מיט די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מענטשן רעכטן, אדער, אויב איר זענט א ניו יארק סיטי איינוואוינער, די ניו יארק סיטי קאמיסיע אויף מענטשן רעכטן, אויב איר גלייבט איר ווערט דעסקרימענירט צוליב אייער בארעכטיגקייט אדער באנוץ פון ERAP.

**4. וועט מיין אינפארמאציע ווערן מיטגעטיילט מיט ICE אדער אימיגראציע אוטאריטעטן?**

ניין, חוץ אויב פארלאנגט פארלאנגט דורך שטאַט אָדער פעדעראלע געזעץ .

## אנדערע

**1. וועט רענטאדער יוטיליטי הילף באקומען דורך ERAP ווערן גערעכנט אלס פארדינסט פאר צוועקן פון באשטימען מיין בארעכטיגקייט פאר פאבליק הילף אדער סופלעמענטל נוטרישן הילף פראגראם (SNAP) בענעפיטן?**

ניין. געלטער געצאלט אין נאמען פון א הויזגזונד וועט נישט ווערן גערעכנט אלס פארדינסט פאר צוועקן פון פאבליק הילף אדער סנעפ. פאר פאבליק הילף געניסער, ווען די ERAP געלטער דעקן צוקונפטדיגע רענט, וועלן די צאלונגען דעקן די אונטערשייד צווישן די פאבליק הילף טיילונג און מאנאטליכע רענט קאסט.

**2. 2.וועט רענטאדער יוטיליטי הילף באקומען דורך ERAP ווערן גערעכנט אלס פארדינסט פאר שטייער צוועקן פאר טענאנטס?**

ניין. הילף צוגעשטעלט פאר טענאנטס אונטער ERAP וועט נישט ווערן גערעכנט טעקסעבל פארדינסט.

**3. דארף איך ווייטער צאלן מיין רענט?**

יא. איר בלייבט פאראנטווארטליך פארן באצאלן אייער רענט. די רענטל חובות באצאלונג פאר סיי וועלכע פריערדיגע מאנאטן פון שולדיגע רענט וועלן ווערן באצאלט צו אייער לענדלארד. סיי וועלכע צוקונפטיגע רענטל באצאלונגען צו וואס איר קענט זיין בארעכטיגט וועלן אויך געמאכט ווערן צו אייער לענדלארד און וועלן ווערן אראפגענומען פונעם חשבון פון אייער רענט פאר מאנאטן וואס איר האט נאכנישט באצאלט אינגאנצן אדער טיילווייז.

**4. איז פארהאן א גרעניץ צו די סומעס וואס ווערן באצאלט צו דעקן מאנאטליכע רענטל חובות?**

ניין.

**5. וואס אויב איך גיי אריבער א וואוינונג נאכן זיך איינגעבן פאר ERAP הילף?**

איינמאל איר גייט ארויס פונעם אפארטמענט וואס שטייט אויף אייער אפליקאציע, קענט איר נישט טראנספערירן די ERAP רענטל הילף צו באצאלן אייער נייעם לענדלארד.

~~איר קענט נאר באקומען הילף פאר דער אדרעס וואו איר וואוינט איצט.~~

**6. קען מען נוצן ERAP בלויז פאר צוקונפטיגע\מעגליכע רענטס?**

ניין. כדי צו זיין בארעכטיגט פאר ERAP, מוז די הויזגעזינד זיין אין געפאר פון דורכמאכן היימלאזיגקייט אדער וואוינונג אומסטאביליטעט, וועלכע קען ווערן דעמאנסטרירט דורך האבן רענטחובות שולדיג אויף אדער נאך מערץ 13, 2020.

**7. קען איך באקומען א ERAP אפליקאציע אין א שפראך אויסער ענגליש?**

יא, די אפליקאציע וועלן זיין אוועילעבל אין מערערע שפראכן.

**8. זאל איך אויפהערן צאלן מיין רענט ווי נאר איך געב אריין מיין אפליקאציע פאר ERAP?**

ניין, איר דארפט נאך אלס צאלן רענט. אויב איר קענט באצאלן דאס גאנצע אדער א טייל פון אייער רענט, זאלט איר עס ווייטער באצאלן ביז איר ווערט געמאלדן אז איר זענט געווארן פולשטענדיג אנגענומען אינעם פראגראם און אז א רענטל באצאלונג איז געווארן ארויסגעגעבן צו אייער פראפערטי אייגנטומער. אויב איר באצאלט רענט פאר א מאנאט וואס וועט ווערן געדעקט דורך דעם פראגראם, וועט אייער פראפערטי אייגנטומער ווערן פארלאנגט צוצושטעלן א קרעדיט פאר צוקונפטיגע רענט וואס מען איז שולדיג פאר יענע באצאלונג.

**9. וויאזוי וועט דער טענאנט וויסן וואס וועט באצאלט ווערן אויף זייער חשבון?**

א באשטעטיגונגס בריוו וועט געשיקט ווערט סיי צו דעם טענאנט און סיי צו דער לענדלארד אין וועלכן עס וועט דייטליך אנגעגעבן ווערן די סומעס באצאלט, דורך אימעיל אדער פאסט.

**10. וואס איז אויב א טענאנט אדער לענדלארד האט נישט קיין אינטערנעט צוטריט?**

אלע באטייליגטע קאמיוניטיס מאכן אנשטרענגונגען צו פארמינערן אינטערנעט צוטריט באגרעניצונגען, סיי דירעקט אדער דורך שותפות'ן מיט קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס. אין צוגאב, וועט דער ERAP קאל צענטער זיין אוועילעבל צו העלפן אפליקאנטן דורכן טעלעפאן.

**11. וועט איר אננעמען פאסט-געשיקטע אפליקאציע?**

ניין. אויב א הויזגעזינד דארף הילף, ביטע ווענדט זיך צו א קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציע אדער פארבינדט זיך מיט די ERAP קאל צענטער כדי זיך איינצוגעבן פאר ERAP.

**12. וועלן ERAP מארקעטינג מאטריאלן זיין אוועילעבל צו העלפן אינפארמירן מיין קאמיוניטי וועגן דעם פראגראם?**

יא. קוקט ווייטער אויפן OTDA וועבזייטל (www.otda.ny.gov) פאר אינפארמאציע.

**13. זענען קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אידענטיפיצירט געווארן צו העלפן מיט אוטריטש באמיאונגען און צו העלפן טענאנטס און לענדלארדס זיך איינגעבן פאר ERAP?**

יא. אלע באטייליגטע קאמיוניטיס האבן זיך אונטערגענומען אפליקאציע הילף אדער געמאכט שותפות'ן מיט קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו העלפן מיט אוטריטש און אפליקאציע הילף. זעט די ליסטע פון קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעס וואס זענען אוועילעבל צו העלפן טענאנטס און לענדלארדס.

**14. קענען קערפערשאפטן פארלאנגען באצאלונג פון לענדלארדס און\אדער טענאנטס פאר הילף מיט די ERAP אפליקאציע? ****

קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעס זאלן נישט רעכענען קיין געלט פארן העלפן איינעם זיך איינגעבן פאר די NYS עמערדזשענסי רענטל הילף פראגראם (ERAP). ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו אזעלכע הילף קען מען טרעפן דורכן באזוכן אונזער הילף מיטן זיך איינגעבן פאר ERAP וועב-בלאט. אויך, שטעלט OTDA צו אומזיסטע אפליקאציע הילף פאר אלע ניו יארק סטעיט איינוואוינער וואס זענען בארעכטיגט פאר ERAP. די סערוויסעס זענען אוועילעבל צו לענדלארדס, טענאנטס, און זייערע באשטימטע מענטשן. אפליקאנטן קענען זיך פארבינדן מיט די קאל צענטער אויף 844-691-7368 (844-NY1-RENT). פאר די מיט באגרעניצטע הער-קראפט, איז דער TTY נומער 1-833-843-8829. איר קענט אויך טשעט'ן מיט א פארשטייער.

**15. וועלן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו ERAP אפליקאציע הילף קענען איבערקוקן די סטאטוס פון זייערע קליענט'ס אפליקאציעס אנליין?**

קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע געבן אריין אן ERAP אפליקאציע אין נאמען פון א הויזגעזינד זאלן רופן די ERAP האטליין אויף 844-691-7368 (844-NY1-RENT) כדי צו קוקן דעם סטאטוס פון א הויזגעזינד'ס אפליקאציע.

**16. איך בין נישט שולדיג קיין הינטערשטעליגע רענט, אבער איך האב געבארגט געלט פון מיין פאמיליע און פריינט צו באצאלן מיין רענט דורכאויס דער פאנדעמיע. וועט ERAP דעקן די הוצאות?**

ניין. אויף צו בארעכטיגט פאר ERAP מוז א הויזגעזינד האבן אומבאצאלטע רענט שולדיג פאר'ן לענדלארד אדער פראפערטי מענעדזשמענט קאמפאני.

**17. וועט ERAP דעקן אדוואקאט קאסטן וואס טענאנטס און\אדער לענדלארדס האבן אויסגעלייגט?**

ניין.

**18. וואס איז אויב עס איז פאראן א מיינונגס-פארשידנהייט צווישן דעם טענאנט און לענדלארד לגבי די סומע פון רענטל חובות וואס מען איז שולדיג?**

בשעת דעם איבערזיכט פראצעדור, וועלן אפליקאנטן און בארעכטיגטע באצאלונג סומעס באשטימט ווערן דורך די בייגעלייגטע דאקומענטאציע.

**19. דארף איך מאכן אן אקאונט כדי זיך איינצוגעבן פאר ERAP?**

ניין, מאכן אן אקאונט ווערט נישט געפאדערט כדי זיך איינצוגעבן פאר ERAP. פונדעסטוועגן, מאכן אן אקאונט ערלויבט אייך צו באקומען צוטריט צו פרטים וועגן אייער אפליקאציע.

**20. ווען קען איך ארייננגעבן אן אפליקאציע פאר ERAP?**

אפליקאציעס קענען ווערן ארייננגעבן אנגעהויבן אום יוני 1, 2021 אום AM9.

די אפליקאציע פעריאד וועט פארבלייבן אפן אזוי לאנג ווי געלטער זענען אוועילעבל.

**21. וואס זענען די שעות ווען דער וועבזייטל וועט אננעמען ERAP אפליקאציעס?**

דער וועבזייטל וועט אננעמען אפליקאציעס 24 שעה א טאג אנגעהויבן אום יוני 1, 2021 אום AM9.

**22. איך האב נישט קיין אימעיל אדרעס. וויאזוי קען איך ארייננגעבן מיין ERAP אפליקאציע?**

איר דארפט נישט מאכן קיין אימעיל אדרעס אויף זיך צו ווענדן פאר ERAP. איר קענט זיך ווענדן דירעקט אויף דער [ERAP וועבזייטל](#).

אויב איר דארפט "ריזאנעבל עקאמאדעישען" אדער אנדערע הילף אויף זיך צו ווענדן, קענט איר רופן דער ERAP האטליין אויף 1-844-NY1-RENT (אדער 1-844-691-7368).

**23. וואס איז אויב איך האב נישט קיין צוטריט צו א קאמפיוטער זיך איינצוגעבן פאר ERAP אנליין? קען איך זיך איינגעבן פאר ERAP דורכן טעלעפאן?**

אפליקאציעס פאר ERAP קענען ווערן ארייננגעבן עלעקטראניש נוצנדיג א קאמפיוטער, טעבלעט, אדער סמארטפאן. מענטשן וואס האבן נישט קיין צוטריט צו א קאמפיוטער, טעבלעט, אדער סמארטפאן קענען ארייננגעבן אן אפליקאציע:

- דורכן רופן די ERAP האטליין אויף 1-844-691-7368-1-844 (NY1-RENT) כדי צו באקומען הילף מיטן אויספולן אן אפליקאציע דורכן טעלעפאן.
- דורך זיך פארבינדן מיט א לאקאלע ארגאניזאציע וואס איז באשטימט צוצושטעלן ERAP אפליקאציע הילף. זעט די ליסטע פון קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעס וואס זענען אוועילעבל צו העלפן טענאנטס און לענדלארדס.

**24. וואס איז אויב א טענאנט האט אויסגעפולט די אפליקאציע ווי פארלאנגט, אבער דער לענדלארד האט נישט צוגעשטעלט זייער אינפארמאציע? וואס איז אויב א לענדלארד האט אויסגעפולט די אפליקאציע ווי פארלאנגט, אבער דער טענאנט האט נישט צוגעשטעלט זייער אינפארמאציע?**

סיי דער טענאנט און דער לענדלארד מוזן אויספולן געוויסע טיילן פון די ERAP אפליקאציע פאר בארעכטיגונג צו ווערן באשטימט און רענטל באצאלונגען צו ווערן ארויסגעגעבן פאר לענדלארדס.

אויב א טענאנט האט נישט געקענט באקומען פון זייער לענדלארד נויטיגע אינפארמאציע אויסצופולן אן ERAP אפליקאציע, זאלן זיי זיך פארבינדן מיט די באשטימטע לאקאלע ארגאניזאציע פאר הילף מיט די אפליקאציע. זעט די ליסטע פון קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעס וואס זענען אוועילעבל צו העלפן טענאנטס און לענדלארדס.

טענאנטס קענען אויך רופן די ERAP הילף ליניע כדי צו באקומען קאנטאקט אינפארמאציע פון זייער לאקאלע ארגאניזאציע. אין צוגאב, וועט מען זיך פארבינדן מיט לענדלארדס אמווייניגסטנס דריי (3) מאל צו זיי לאזן וויסן אז עס פאדערט זיך מער אינפארמאציע באזירט אויף די אימעיל/קאנטאקט אינפארמאציע וואס דער טענאנט האט צוגעשטעלט.

אויב א לענדלארד האט נישט געקענט באקומען פון זייער טענאנט נויטיגע אינפארמאציע אויסצופולן אן ERAP אפליקאציע, זאלן זיי זיך פארבינדן מיט די באשטימטע לאקאלע ארגאניזאציע פאר הילף מיט די אפליקאציע. זע די ליסטע פון די קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעס וואס זענען אוועילעבל צו העלפן טענאנטס און לענדלארדס. לענדלארדס קענען אויך רופן די ERAP האטליין צו באקומען קאנטאקט אינפארמאציע פאר זייער לאקאלע ארגאניזאציעס.

**25. וויאזוי קען איך באקומען אינפארמאציע אויף דער סטאטוס פון מיין אפליקאציע?**

איינמאל אן אפליקאציע פאר ERAP איז אריינגעגעבן געווארן קענען אפליקאנטן נאכשפירן זייער אפליקאציע סטאטוס דורך ארייַנ'לאָג'ען אין זייער טענאנט אקאונט אדער דורך דרוקן דער "זעהט אפליקאציע סטאטוס" לינק אויף דער ERAP וועבזייטל.

**26. וואס איז אויב איך האב פראבלעמען אריינצוגיין אין מיין ERAP אקאונט צו אויספולן מיין אפליקאציע אדער צו נאכקוקן דעם סטאטוס דערפון?**

אויב איר האט שוועריגקייטן אריינצוגיין אין אייער ERAP אקאונט, ביטע רופט די ERAPהאטליין אויף-1844 NY1-RENT (1844-691-7368) פאר הילף.

**27. ווי לאנג וועט עס נעמען איידער א לענדלארד באקומט באצאלט נאכן ווערן אינפארמירט אז א טענאנט איז בארעכטיגט פאר הילף דורך ERAP?**

עס איז ערווארטעט אז קעיסעס וועלן ווערן פראצעסירט אין 4-6 וואכן פון די דאטום פון אריינגעבן אן אויסגעפולטעאפליקאציע. די צייט אפשטיט קען זיך טוישן, באזירט אויף די גענצליכקייט פון די אפליקאציע, דורך סיי די טענאנט און לענדלארד, און אויב אלע ריכטיגע דאקומענטאציע ווערן אריינגעגעבן.

**28. קען איך מאכן ענדערונגען צו מיין אפליקאציע בשעת די אפליקאציע תקופה?**

איינמאל אייער אפליקאציע איז אריינגעגעבן קענט איר נישט מאכן קיין ענדערונגען דערצו אן רופן די ERAP האטליין אויף 1-844-NY1-RENT (1-844-691-7368).

**29. איך האב נישט קיין אינטערנעט צוטריט אינדערהיים, וואו קען איך גיין צו אויספולן מיין ERAP אפליקאציע?**

קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס זענען אוועילעבל צו העלפן מענטשן אויספולן ERAP אפליקאציעס. זע די ליסטע פון קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעוואס זענען אוועילעבל צו העלפן טענאנטס און לענדלארדס. איר קענט אויך רופן 1-844-NY1-RENT (1-844-691-7368) פאר הילף.

**30. אויב איך האב פראגעס, מיט וועמען זאל איך זיך פארבינדן?**

ביטע רופט 1-844-NY1-RENT (1-844-691-7368) פאר הילף אדער ווענדט זיך צו א קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אין אייער געגנט. זע די ליסטע פון קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעוואס זענען אוועילעבל צו העלפן טענאנטס און לענדלארדס.

**31. איך בין געווען אויף דער וועבזייטל און אנגעהויבן אויסצופילן מיין ERAP אפליקאציע. אינדערמיט האב איך פארלוירן דעם אינטערנעט קאנעקשען. וויאזוי גיי איך צוריק?**

אויב איר האט נישט באקומען קיין קאנפירמעישען אימעיל אדער א מודעה אויף פאסט, דארפט איר נאכאמאל אנהייבן אייער אפליקאציע, ארייַנלייגן די אינפארמאציע וואס איז נישט געֶסעיוו'ט געווארן, אויספילן אינגאנצן און אריינגעבן דער אפליקאציע.

**32. די וועבזייטל איז נישט אוועילעבל און איך קען נישט ארייַנלייגען מיין ERAP אפליקאציע, וואס זאל איך טון?**

ביטע פראבירט נאכאמאל נאך אפאר מינוט אדער פארבינדט זיך מיט די ERAP האטליין אויף 1-844-NY1-RENT (1-844-691-7368) צו אויספילן אן אפליקאציע.

**33. קען איינער אנדערש זיך איינשרייבן פאר מיך?**

יא, א פריינט, פאמיליע מיטגליד אדער CBO קען אייך העלפן אויספולן די אפליקאציע, אבער איר מוזט פארזיכערן אז אלע אינפארמאציע וואס ווערט צוגעשטעלט (דאטומס פון געבורט, אינקאם א.א.וו.) איז ריכטיג און איר מוזט אונטערשרייבן די אפליקאציע.

איר וועט דארפן ארייגלייגן די נאמען, טעלעפאן נומער און אימעיל אדרעס פון דער מענטשוואס העלפט אייך אויף די אפליקאציע.

**34. אויב מיינע קינדער וואוינען מיט מיר און זיי זענען 18 יאר אלט אדער עלטער דארף איך ארייגלייגן זייער אינקאם אויף די אפליקאציע?**

יא, אינקאם פון אלע ערוואקסענע אין די הויזגעזינד העכער 18 יאר אלט ווערט גערעכנט אויסער פארדינטע אינקאם פון פול-טיים סטודענטן וועלכע זענען בארעכטיגט צו ווערן איינגעגעבן אלס א דעפענדענט לויט IRS רעגולאציעס.

**35. ווי אזוי פארלאנג איך א מעסיגע אקאממאדאציע צוליב א דיסאביליטי?**

ביטע זאגט אונז אויב איר פארלאנגט א מעסיגע אקאממאדאציע כדי זיך איינצוגעבן פאר ERAP. ביישפילן פון אוועילעבל מעסיגע אקאממאדאציס נעמען אריין: הילף זיך איינצוגעבן פאר ERAP, אריינגעבן דאקומענטן אין אן אנדערע פארמאט ארייערעכנדיג ברעיל, אודיאו פייל (דאטא פארמאט CD), (סקרין-רידער אקסעסיבל פייל אויף CD) און גרויסע דרוק (18 פונקטן פאנט) ווי פארלאנגט, אדער TTY רילעי קאמוניקאציע.

ביטע פארבינדט אייך מיטן ERAP האטליין אויף 1-844-NY1-RENT (1-844-691-7368) פאר מעסיגע אקאממאדאציעס. אויב איר זענט הערן באגרעניצט, איז א TTY טעלעפאן נומער איז אוועילעבל דורך רופן 1-833-843-8829.

**36. איך רעד נישט קיין ענגליש אדער איך רעד נישט ענגליש גענוג גוט צו אויספולן די ERAP אפליקאציע. קען איך באקומען אן אפליקאציע אין א אנדערע שפראך?**

יא, די ERAP אפליקאציע איז אוועילעבלאין פארשידענע שפראכן דורך די אנליין פלאטפארמע.

- אפליקאציעס זענען אוועילעבל אנ-ליין אין: אראביש, בענגאלי, כינעזיש (טראדאציניאל), העישען-קריאל, קארעאן, רוסיש, ספאניש, און אידיש.
- אפליקאציע הילף איז אויך אוועילעבל אין פארשידענע שפראכן אויף 1-844-NY1-RENT (1-844-691-7368).

**37. איז רענטל הילף אוועילעבל פאר טרייבעל מעמבערס און די נאנ-טרייבעל מיטגלידער וועלכע וואוינען אויף טרייבעל פלאץ?**

יא. געוויסע טרייבעל פעלקער באקומען זייער אייגענע ERAP געלטער. א ליסטע פון טרייבעל לענדער וועלכע באקומען זייער אייגענע ERAP געלטער איז אוועילעבל אויף די פאלגענדע לינק: https://home.treasury.gov/system/files/136/Payments-to-Tribes-and-TDHEs.pdf. אזעלכע הילף זענען אוועילעבל פאר טרייבעל מיטגלידער וואס וואוינען סיי אינעווייניג און אינדרויסן פון טרייבעל לאנד. אין צוגאב, נאנ-טרייבעל מעמבערס וואס וואוינען אויף טרייבעל לאנד מעגן באקומען הילף. מענטשן וואס וואוינען אינעווייניג און אינדרויסן טרייבעל לענדער קענען זיך אויך איינגעבן פאר די ERAPפראגראם וואו זיי וואוינען.

## סיסטעם צוטריט

### 1. איך האב נישט א קאמפיוטער. איז דא אן אנדערע וועג צו זיך איינגעבן?

ביטע פארבינדט אייך מיטן קאל צענטער אויף 844- NY1 - RENT צו פארלאנגען אן אפליקאציע דורכן טעלעפאן|אדער צו פארלאנגען א ליסטע פון קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע קענען ארויסהעלפן מיט|אריינגעבן אן אפליקאציע.

### 2. וואו גיי איך צו באקומען מער אינפארמאציע?

ביטע באזוכט https://otda.ny.gov/programs/Emergency-Rental-Assistance/פאר מער אינפארמאציע.

### 3. קען סיי א טענאנט אדער לענדלארד אנהייבן אדער אריינגעבן אן אפליקאציע?

יא, סיי א טענאנט אדער אן אייגנטומער/לענדלארד קען אנהייבן אן אפליקאציע, אבער נאר די טענאנט קען אונטערשרייבן און אריינגעבן די אפליקאציע.

### 4. וועט די באצאלונג קומען צו מיך אדער גיין צו מיין לענדלארד?

באצאלונגען וועלן געמאכט ווערן דירעקט צו לענדלארדס.